זען־נאָך דאַכט זיך א לעבן א מאַזלדיקס; א פריילעכער טאָג, און דאָך, אוי ווײ, אָן א זיפץ קען איך אים אדאיעם ניט דערמאָנען!

מיר איז באשערט געווען אויסצושטיין אין אים—ווי עס מאכט זיך אמאָל מע שטייט אויס פון א יעפּייפּיע, א שלאק מיט א שיין פ נימל—זייער פיל אג־מעס געפעש (ז' 3).

17) לא עליכם עת צרה ותוכחה ונאצה כעין זו שבאותה שעה! הימים ימי מלחמה לארצנו, מלחמה קשה עם אויב קשה במרחקי ארץ הקדם.

אין עפּעלבוימס איבערזעצונג:

17a) ניט פאר אייך געזאָגט, אזא שלעכטע ביטערע צייט, ווי עס איז דאָ־מאָלסט געווען: ס'איז געווען א צייט פון מילכאָמע, פון א בייזער מילכאָמע מיט א שטארקן פיינט אפן וויטן מיזרעך.

בא מענדעלען:

17b) אוי, א צייט, א צייט איז עס, ניט היינט געדאכט דענסטמאָל געווען, זייער א שווערע: אופּברויזעניש, באַרויגעזן צווישן אוילעם, מיט דעם גאנצן פעקל צאָרעס, רייסעניש, בייסעניש צווישן זיך: דערצו נאָך די גרויסע מילכאָמע מיט דעם דאַם־סוינע העט־וויט אין מיזרעך־לאַנד,... (ז. 3)

---

מ. קוויטני.

# סלאַוויזמען בא מענדעלען.

ווי באוואוסט, האָט מענדעלע געהאלטן אין איין איבער־ארבעטן זיינע ווערק, בא יעטווידער נייער אויסגאַבע פון א ווערק האָט ער אריינגעבראכט ענדערונגען, געמעקט און געבעסערט, איינגעפלאָכטן גאַנצע נייע שטיקער, געהאַלטן אין איין שלייפן און פיילן יעדע פראזע, יעדער וואָרט.

ס'איז באַקאַנט, וואָס מענדעלע האָט אמאָל געשריבן וועגן דעם אין א בריוו צו שאָלעם-אלייכעמען:

... איבער א ווערק, מיין ליב אייניקל, באדארף מען שוויצן, פיילן איטלעכעס וואָרט; געדיינקט, וואָס איך זאָג אייך—פיילן, פיילן!" *).

אזוי האָט מענדעלע געקוקט אף ליטעראַרישער ארבעט.

איך וויל זיך דאָ אָפּשטעלן אף די סלאוויזמען ספּע־ציעל אין מענדעלעס „קליאטשע", ווי אזוי ער האָט זיי גע־ניצט אין די ערשטע און שפּעטערדיקע אויסגאבעס. פון דער „קליאטשע" זיינען אונז באקאנט פינף אויסגאבעס, פאר מיין צוועק זיינען אָבער אינטערעסאנט בלויז די ערשטע דריי;—דאָס איז:

1) 1873.—„דיא קליאטשע אָדער צער בעלי חיים, א מעשה, וואָס האָט זיך פאַרוואלגערט צווישן די כתבים פון ישראליק דעם משוגענעם. געדרוקט בהשתדלות מענדעלי מוכר ספרים. ווילנע. בדפוס האלמנה והאחים ראם, תר"לג (10×16), ז. 119.

2) 1888.—אלע כתבים פון מענדעלי מוכר ספרים, דאָס צווייטע בוך: די קליאטשע אָדער צער בעלי החיים... אָדעססאַ (צוויי־טע אופלאגע), בדפוס א. ווארשאווער. (11×17), ז. 128.

3) 1913. — אלע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים (ש. י. אבראַמאָוויטש), די קליאטשע, באנד 3. (פאָלקס - אויסגאַבע). ווארשא, פארלאג „מענדעלע" דרוקער. געבר. לעווין-עפּשטיין. (10×17), ז. 182.

די איבעריקע צוויי אויסגאַבעס (1918 און 1924) זיינען איבער־געדרוקט אָן שום ענדערונגען פון דער דריטער (1913), די לעצטע (1924)—דירעקט פון מאטריצן **).

פון קורצקייט וועגן וועל איך די ערשטע אויסגאַבע באַצייכע־נען מיט I, די צווייטע מיט—II, די דריטע מיט—III.

א פּאָר ווערטער וועגן דעם, ווי אזוי מענדעלע האָט זיך פאַר־האַלטן צו די סלאווישע און העברייאישע עלעמענטן אין יידיש. קוקט מען זיך צו צו די דריי אויסגאַבעס פון דער „קליאטשע", אזוי זעט מען, אז מענדעלע האָט געלייטערט זיין שפּראַך און האָט אלץ אויסגעמיטן אין די ווייטערדיקע אויסגאַבעס „איבע־ריקע" סלאווישע עלעמענטן (צו א טייל לאָזט זיך דאָס זאָגן וועגן די העברייאישע אויך. וועגן העברייאיזמען בא מענדעלען א צווייטן מאָל), וואָס ווייטער ווערן זיי בא אים שיטע־רער.

אין דער צווייטער אויסגאַבע האָבן מיר 77 סלאוויזמען ווייני־קער (אָדער אויסגעטיישט) ווי אין דער ערשטער; אין דער דריטער שוין ווייניקער—85 און 63.

מענדעלע פּילט די איבערגעזעטיקטקייט מיט סלאַווישע עלעמענטן אין די ערשטע אויסגאַבעס, און אין די שפּעטערדיקע אויסגאַבעס ענדערט ער דאָס אויס אזוי: א) ער פאַרבייט א סלא־וויש וואָרט אף א יידיש וואָרט (א וואָרט קעגן א וואָרט); ב) א סלאוויש וואָרט אף אן אנדער סלאוויש וואָרט; ג) א סלאוויש אף א העברייאיש; ד) א העברייאיש אף א סלאוויש; ה) דאָס סלאוויש וואָרט איז ניט איבערגעזעצט, ס'איז באשריבן, אַמאָל מיט א גאַנצער יידישער פראזע; ו) דאָס סלאווישע בלייבט און עס קומט נאָך צו א פארטייטשונג אף יידיש.

## א. סלאווישע ווערטער געביטן אף יידישע (א וואָרט קעגן א וואָרט).

I. 1) עס האָט ווי א שטיין מיר זיך אראָפּגעוואליעט פון דעם הארצן (69), 2) אביסל אי געטראַכט (12), 3) אָנגעטאַסעוועטן וואָגן (70), 4) אופּראַזש (24), 80), 5) איספּראַוונע (106), 6) אָבשטשעסטוואָ (50), 7) אָביאַסנאַיען זיך (105), 8) באַלאַגורען (67), 9) א ביק (17), 10) ביסטרע טייכן (25), 11) בעזזאַשטשיטנע (83), 12) געזנאַטשעט אזוי פיל ווי די הינט (64), 110), 13) געקאָוועט (89), 14) א בעסערע דאָליע (41), 15) דאָסטאַוועו (81), 16) זאַראַזען (67), 17) טאַסקעט מיך (46), 18) טשעפּען זיך צו יענעם (67), 19) טשערנילאָ־פּראָוואָדן (109), 20) א טשיקאָוועשטש (59), 21) זיך געיאָוועט (57), 22) לופען, אראָפּנעמען די פעל (41), 23) געקר־מען אף א לאַד (68), 24) מעטלעס (91) 25) מוזשיק (69), 26) נאַזנאַטשעט (80), 27) נודען (60), 28) סטראַגע (38), 29) סאַסלאָוויעס (85), 30) סיביאַקעס (27), 31) ספּאָטיקעט זיך (40), 32) ספּאָסאָבן (89), 33) סאָבאָר (94), 34) פּויטינע (71), 35) פּאַטראַווע (72), 36) זיך פּלאָדען אזויפיל באַלעטויועס (87), 37) פּאַדען הין און הער (49). 38) פּוסטע זאַכן (30), 39) פּאָלזע (26, 54, 83

---

1) שאָלעם-אלייכעם „סטעמפּעניו" (ביילאגע צו „יידישער פאָלקס ביבליאָטעק", קיעוו 1888), ז. VII.

2) 4) 1918.—מענדעלע מוכר־ספרים (ש. י. אבראמאָוויטש.) די קליאטשע. געזאמלטע שריפטן באנד 5־טער. (יידישע סאָציאליסטישע פאָלקס־ביבליאָטעק. יידישע קלאסיקער.). פּעטערבורג, פערלאג: קולטור און בילדונגס־אָפּטיילונג באם קאָמיסאַריאַט פאר יידישע ענינים, דרוקעריי „טאָג־בלאט". (9×15) ז. 184.

5) 1924.—מענדעלע מוכר־ספרים (ש. י. אבראמאָוויטש). די קליאטשע. (אלע ווערק, ב. III. ) ווארשע, פערלאג „מענדעלע", (10×15), ז. 182.

40) פּראַווע (13, 69), 41), פּאַסען זיך פאַנסקע צאַפּעס (12), 42) אַ פּאָלנער מענטש (12), 43) פלאַשטש (4), 44) פּאַרפּוטעס (3), 45) קרעניצעס (20), 46) ראַזנאָשטשיקעס (41), 47) ראַזביראַיען (68), 48) ריקעס טרערן (97), 49) שאיקעס (93).

II. 1א) אַראָפּ (77), 2א) אויך (17), 3א) אָנגעלאָדענעם (49), 4א) אופּראַזש (29, 89), 5א) פּינקטלעך (115), 6א) געמיינדע (56), 7א) דערקלערן (115), 8א) פלאַפּערן (75), 9א) אַן אָקס (22), 10א) פלייצנדיקע (29), 11א) אומבאַשי־רעמטע (92), 12א) פאַררעכנט (72, 118), 13א) געקאָוועט (99), 14א) לעבן (46), 15א) צושטעלן (90), 16א) זאַ־ראַזען (75), 17א) טראָגט מיך (52), 18א) זוכן זיך צו יענעם (76), 19א) טשערנילאָ־פּראָוואדן (112), 20א) אַ וואונדער, כ'לעבן (66), 21א) געוויזן זיך (164), 22א) שינדן (46), 23א) א שטייגער (76), 24א) בעזעמס (134) 25א) א פּויער (77), 26א) באשטימט (89), 27א) ניט גוט ווערן (66), 28א) שטריינג (42), 29א) סאָסלאָוויעס (51), 30א) בלויע צייכנס (31) [3], 31א) ספּאָטיקעט זיך (45), 32א) מיטל (98), 33א) קלויסטער (103), 34א) פּויטינע (80), 35א) אַ געריכט (80), 36א) פּרוכפּערן זיך (96), 37א) דרייען זיך (86), 38א) נארישע (35), 39א) נוצן (30, 60, 89), 40א) אַ רעכט (18) [4], 41א) פּיטערן זיך (17), 42א) א גאנצער מענטש (15) [5], 43א) מאנטל (9), 44א) פאַר־פלאָנטעט (7) [6], 45א) קוואַלן (24), 46א) טענדלער (56), 47א) באַקלערן, 76 48א) טייכן (106), 49א) באנדעס (103).

III. 4ב) געשפּאַן (35, 116), 13ב) געשמידט (127) [7], 16ב) אָנשטעקן (102) [8], 19ב) טינט־לייטונגען (164), 29ב) שטאנדן (91), 31ב) פארשטרויכלט (66), 34ב) שפּינוועבס (107)

דידאָזיקע גרופּע (א וואָרט קעגן א וואָרט) איז די גרעסטע. דער זאַץ בלייבט דאָ ניט געענדערט, בלויז אנשטאָט דעם סלאַ־ווישן וואָרט קומט דא דאָס יידישע. פון דעם פאַרגלייך זעען מיר, אַז אקעגן דער ערשטער אויסגאַבע (I) האָט מענדעלע פאַרביטן אין דער צווייטער (II) 42 סלאַווישע ווערטער אף יידישע; אין דער דריטער (III) קומען צו, כוץ דידאָזיקע 42, נאָך 7 געענדערטע ווערטער, וואָס אין דער צווייטער אויסגאַבע זיינען זיי געבליבן אומגעענדערט. קוקן מיר זיך צו צו די 49 סלאַווישע ווערטער, אַזוי זעען מיר, אַז דאָס איז צומיינסטס אַזוינע, וואָס ענטפער ס'איז

---

3) מיר טרעפן אָבער אַמאָל דאָס סלאווישע און דאָס יידישע וואָרט באנאנד:
„איך האָב שוין בארעכאשעם אסאך בלויע צייכנס פון זייער פארשריי־בעכטס, זעסטו בא מיר אָט די פרישע סיניאקעס?"
(I — 56; II — 63; III — 91).

4) איין מאָל טרעפן מיר אין II:
„ווער הערט דיך? וואָס פאר א פּראווע האָסטו זיך צו מישן...?"

5) מיר טרעפן אָבער אויך:
„עס גייט עפּעס צו דער פּאָלנער פאָרמע" (III 123, 113; III 175).

6) אָבער אויך אין אַן אַנדער ווערק:
„טיף פאַרפּוטעט" (שלמה ר׳ חיים׳ס ווארשע, 1924 ז. 95).

7) מיר טרעפן אָבער אויך:
„אַ פּאָר געזונטע שטיוול געקאָוועטע מיט אסאך אייזערנע שטיפטן (III — 174)

8) אָבער אויך:
אָפּגעזונדערט פון דער שטאָט־טשערעדע ווי אַ זאַראַזע (III — 100).

געווען פאַר זיי אין דער פאָלקסשפּראַך פּאָפּולערע אדעקוואַטע יידישע ווערטער (אשטייגער, די נומערן I, 1, 2, 8, 9, 14, 15 א. אַז. וו.), אָדער מיט מענדעלעס שפּראַך־כוש און קענען דעם ליט־ווישן יידישן דיאַלעקט אויך איז ניט שווער געווען אויסצוגעפי־נען און צוצופּאַסן אַזוינע (אשטיינער, די נומערן I, 10, 11, 12, 13, 18 א. ד. גל.). ס'איז אָבער פאַראַן אַ געוויסער טייל, וואָס די פאָלקסשפּראַך, דערהויפּט אין אוקראַינע, האָט פאַר זיי קיין אַנדערע ווערטער ביכלאַל ניט געהאַט און מע האָט באַדאַרפט אריינפירן נייע (אשטייגער I, 4, 6, 19, 29 א. ד. גל.). פון דעם פאַרגלייך צווישן II און III איז צו זעען, א) ווי אזוי אין מענדעלען האָט געשטריטן דאָס געפיל פאַר דאָס נאַטירלעכע אלטגעזעסענע פאָלקסוואָרט, זאָל זיין אפילע אַ סלאַוויש וואָרט, מיט דעם פאַרשטאַנד פאר א געליי־טערטער ליטעראַטור־שפּראַך און ב) ווי געהיט ער איז געווען מיט אריינפירן גאָר נייע ווערטער. די נומערן א) I, 4, 13, 16, 35 און ב) I, 19, 29 האָט ער געענדערט ערשט אין דער דריטער אויסגאַבע; אין דער צווייטער האָט ער זיי געלאָזט.

דאָס, וואָס מענדעלע האָט שוין אין II געענדערט אזוינע סלאוויזמען, ווי I, 2, 9, 12, 14, 23, 27 א. ד. גל., וואָס זיינען זייער פּאָפּולער אין אוקראַינישן יידיש (מענדעלע האָט ביכלאל איבערגענומען דאָס אוקראַינישע יידיש), ווי אויך דאָס, וואָס מיר געפינען ניט דידאָזיקע סלאַוויזמען אין די לעצטע אויסגאַבעס פון אנדערע מענדעלעס ווערק [9], דאָס ווייזט אונז ווי אַזוי מענדעלע האָט געקוקט אף דער ראָלע פון סלאוויזמען אין דער יידישער ליטעראַטור־שפּראַך. מע קאָן אָבער ניט זאָגן, אַז אין דעם פּראַט איז מענדעלע געווען שטריינג אויסגעהאַלטן, ווי מיר וועלן דאָס ווייטער זעען.

## ב. סלאַווישע ווערטער אומגעביטן אַף אַנדערע סלאַ־ווישע אָדער אינטערנאַציאָנעלע ווערטער.

I. 50) אויסגעכאָוועט (24), 51), האָט ער זיך געזדראַווסטוועוועט (103), 52) א סטאַראָזש, 53) פּאָיעדינאָק (30), 54) פראוויטעלסטווע (94), 55) קאַנאַווע (12), 56) קליאטשע (13).

II. 50א) אויסגעהאָדעוועט (28), 51א) געזדראַווסטוועוועט (112), 52א) לאַקייען (52), 53א) דועל (35), 54א) פּאָליציע (103), 55א) קאַנאַל (16), 56א) שקאפּע (17).

III. 51ב) געוויטעט (165). אין דערדאָזיקער גרופּע האָט מענדעלע אין II, III אייניקע פּאָפּולערע סלאַווישע ווערטער אנ־שטאָט ווייניק באַקאַנטע; אין I אַ פּאָר פאַלן (50א, 53א) איז שווער צו זאָגן, פאַרוואָס ער האָט געביטן דאָס וואָרט.

## ג. סלאַווישע ווערטער געביטן אַף פאָלקסטימלעכע העברייאישע.

I. 57) זנאַכערקע (115), 58) טשלענעס (53), 59) כאָדאַטאַיען (46), 60) כאָטש (37), 61) זיך גאַמערעט מיך א שמיץ טון (70), 62) סווערעניעס (105), 63) סומאַ־טאָכע (48), 64) פּאָזדראַוועט (61), 65) פּאָראָדע (3), 66) פרימערן (10), 67) פּראָסט (21), 68) ראַסכאָדן (105).

II. 57א) מאַכאַשייפע (125), 58א) גאַבאָים (60), 59א) שטאַ־דלאָנים (54), 60א) האַגאַם (42), 61א) געהאט בעדייע (79) 62א) יעדיעס (114), 63א) מעהומע (52), 64א) געזאָגט מאַזל־

---

9) „דאָס ווינשפינגערל", „שלמה ר׳ חיים׳ס", „א גראָהע האָר", „דער פריזיוו", „די טאַקסע". אין דידאָזיקע ווערק האָב איך געפונען פון אונזערע 49 סלאַוויזמען ניט געענדערט בלויז 2 (זע די באַמערקונג 6).

Scanned by CamScanner

93) פּאָווערעני (93), 94) פּאַרפּאַליעס (94), 95) פּ אָ ט י ל י צ ע (101), 96) פּראָ־שעניעס (102), 97) פּ ע ר ב ע נ ד י וו ע ן, קלערן קריגן זיך (88), 98) דער דעפּר־טאַט שטעלט נאָכאַמאָל אריין פּ אָ ס ט אָ י (84), 99) מישן אויס בא דער פּ אָ ל י צ ע (123), 100) אַש פון דעם פּ ר י פּ ע ט ש אָ ק · (49), 101) א פרייער פלאָץ אין דער מיט א פּ ע ן (72), 102) אָט ווערן וועלף „פּ אָ נ י ־ ב ר אַ ט צ ע" מיט שאָף (113), 103) זעצט ארויס א פּ אַ ר ע (136), 104) געאַרבעט ווי די פּ אָ ז ש אַ ר נ ע ק אָ מ אַ נ ד ע (165), 105)... מיט פעפער און ציבעלע אָפּן פּ אָ ל ו מ י ש אָ ק (39) 106) קליאַטשע (8...), 107) קעשענע (65), 108) און באַצאָלט „ק ו פּ ע ט ש ע ס ט וו ע" (57), 109) טאַנצט מאיסע ק אָ ז אַ ק (79), 110) אָפּגעבן קינדער צו אזעלכע קאַטשאַ־נעס (124), 111) נעמט זיך אָן איר ק ר י וו ד ע (100), 112) שפּיצעכדיק מיט ק ר ו ט ש ק ע ס (165), 113) קראָפּיווע (125), 114) ק אַ ש ע (150), 115) קוואַרטאַלנע (93), 116) א קולאַק (139), 117) ק אַ ל ע ק ע ס (88), 118) קאַלטענעוואַטע גריווע (102), 119) קאטשערעס (134), 120) קרעטשמע (8), 121) טרערן ק אַ פּ ע ן (178), 122) ק אָ נ אָ וו אַ ל ע ס מיט זייערע רעפּוּעס (91), 123) אַ צ ע ק אָ ש מ ע ט ע באָרד (42), 124) רוסאַלקעס (134), 125) גערעשעט (46), 126) הערן זיי ווי דעם ר אַ ב ן קאָטער (132), 127) ראַבעווען (34), 128) אַן אַלטע גויע ש ע פּ צ ע ט (93), 129) שקאָלעס (60), 130) ש ט ש י פּ ע ט... גראָז (67).

דידאָזיקע גרופּע (איבערגעלאָזטע סלאַוויזמען) דאָס זיינען ס'ראָוו:

א) טערמינעס קאַנצעלאַרישע און פונם עפנטלעכן לעבן:
№№ 3, 4, 10, 15, 26, 39, 58, 62, א. ד. גל. סאַכאַקל — 40.

ב) זאַכן און געצייג: 5, 20, 24, 54, א. ד. גל. — 12.

ג) געוויקסן און באַלעכאַים: 2, 28, 36, 80, א. ד. גל. — 19.

ד) פּסיכאָלאָגישע אויסדריקן: 1, 9, 12, א. ד. גל. — 32.

ה) פאַרשידענע: 21, 22, 23, א. ד. גל. — 28.

די גרעסטע צאָל איבערגעלאָזטע סלאַוויזמען זיינען, ווי מע זעט, די קאַנצעלאַרישע, וואָס זיינען אומגעגאַנגען אין פאָלק. א באַדייטנדיקע צאָל איז אויך די פּסיכאָלאָגישע, וואָס זיינען דאָס ראָוו ענטפער אַ פאָלקסטימלעכער פאַרגלייך אַדער א פאָלקס־ווערטל; אַביסל קומען צו די נעמען פון באַלעכאַים, געוויקסן, וואָס מענדעלע האָט פאַר זיי נישט קיין אנדער נאָמען.

נ. שטיף.

# זאכווערטער אנשטאט צייטווערטער.

(פון דער סעריע „די פאַפּירענע שפּראַך")

סאָף*)

דאָס זאַכוואָרט אנשטאָט אַ צייטוואָרט מוז ציען נאָך זיך די באַקאנטע מאַקע, די אומגעזונטע „פ ו נ ע ן". לאָמיר פאַרגלייכן אין אונזערע זאַצן:

| | |
|---|---|
| די אומבארירלעכקייט פונם אינהאלט פון די פאַקעטן. | טאָר קיינער ניט אָנרירן די פאַקעטן. |
| די פאַראורטיילונג פון דער אָפּאָזיציע. | מע פאַראורטיילט די אָפּאָזיציע. |
| די אויספאָרשונגען פון די קעמערלעך. | מע האָט אויסגעפאָרשט די קעמערלעך. |
| דער וואוקס פ ו נ ם פויערטום. | ד אָ ס פויערטום וואקסט. |
| אַן אויספאָרשונג פ ו ן באשולדיקונגען. | מע וועט אויספאָרשן ד י באשולדיקונגען. |
| די פייערונג פ ו נ ם קאָאָפּעראַציע־טאָג. | ד ע ם קאָאָפּעראציע־טאָג האָט מען געפייערט. |
| א ביישפּיל... פ ו ן עמעסער באציאונג פ ו נ ם פויערטום. | א ביישפּיל ווי אזוי ד אָ ס פויערטום באציט זיך בעעמעס. |
| די דורכפירונג פון אים. | דורכפירן אים. |
| יעדע פאָרם פ ו ן אָפּהיינגיקייט פ ו נ ם אונטערגעוואָרפענעם פאָלק פ ו נ ם הערשנדיקן. | יעדע פאָרם, ו ו י א ז ו י ד אָ ס אונטערגעוואָרפענע פאָלק היינגט אָפּ פונם הערשנדיקן. |

אין דער רעדאקציע רעכטס האָבן מיר אומעטום דעם „פון", בעאיים אין דער רעדאקציע לינקס האָבן מיר אים ניט. און מיר דאַרפן אים ניט. ס'איז פאַראַן אפילע צווייגאָרנדיקע און דריי־גאָרנדיקע „פונען". דער פאַראַלעלער טעקסט לינקס ווייזט אויך קלאָר, אז אין דער רעדאקציע רעכטס מוז זיין דער „פון", מע קאָן אים ניט אויסמיידן. איך האָב שוין פריער געוויזן, אז דאָס, וואָס אין דער רעדאַקציע לינקס איז דאָס א פּרעדי־קאַט, איז רעכטס (אין אן אנדער פאָרם) א סוביעקט, אָדער אַן אָביעקט. דער פּרעדיקאַט, ווען דאָס איז אן אקטיוו צייטוואָרט, ציט נאָך זיך אן אביעקט אין אקוזאטיוו („אָנרירן די פאַקעטן" א. א. וו.). אויב פון דעם פּרעדיקאַט ווערט א סוביעקט, אָדער אן אביעקט, איז קאָן מען די סינטאקסישע באציאונג, אשטייגער, צווישן „אָנרירן" („אומבארירלעכקייט") און „די פאקעטן", צווישן „אויספאָרשן" (אויספארשונג) און „די קעמערלעך", „באציאונג" און „פויערטעם" און א. וו. איבערגעבן ניט אנדערש ווי אין דער פארם פון א געניטיוו, ד. ה. מיט דעם „פון". דארט, וואו דאס זאכווארט איז א סוביעקט, קאָן מען אין א פּאָשעטן, ניט קאמפּלי־צירטן זאץ אויסקומען מיט איינמאל „פון"; ווערט דאס זאכווארט אן אָביעקט, איז האָבן מיר שוין 2 מאָל „פון" (זאץ 18) און אפילע 3 מאָל „פון" (זאץ 23), און ס'קאָן זיך מאכן מער אויך.

ווען, אשטייגער, מיר זאָלן „געטריי" איבערזעצן אזא רו־סישן צייטונג־זאץ:

Совещания указали также на необходимость улучшения некоторых организационных форм ведения лесного хозяйства

*) אין דעם ערשטן טייל פון מיין ארטיקל (זע „יידישע שפּראַך" № 5 — 6, שפּאלטן 47 — 62) האָב איך געוויזן, אז דאָס זאכוואָרט אנשטאט דעם צייטווארט מיט אָפּ די דינאַמישקייט פון דעם טועכטס, אז דידאזיקע קאָנסטרוקציע איז אָפּט־מאל ניט אימשטאנד ריכטיק איבערצוגעבן דעם געדאנק (די צייט א. א. וו.), זי שאַבלאָניזירט די שפּראך, ברייננט אפטמאָל צו א פאסיווער זאַצקאָנסטרוקציע.